שנה ה' - גליון ר"ל

מכון כרם בית שמואל אלכסנדר

יו"ל בס"ד ע"י
מכון כרם בית שמואל
שע"י חסידי אלכסנדר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פרשת תז"מ תש"פ

# גליון עוללות הכרם

א אוצר פון דברי תורה און דערציילונגען פון צדיקים

## מכרם רבותינו

פון אונזער הייליגער וויינגאָרטען

### אָדָם כִּי יִהְיֶה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ

#### פארפלעקט נאר אינדרויסן

חז"ל זאגן (סיפרא) "אָדָם כִּי יִהְיֶה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ - וְלֹא בִּבְשָׂרוֹ", אז די נגע וועט זיך געפונען אינדרויסן אויף די הויט פונעם גוף, עס וועט זיין בלויז א חיצוניות'דיגע נגע, אבער נישט אויפן לייב פונעם מענטש זעלבסט. מרן דער **ישמח ישראל זי"ע** איז מסביר די כוונה אז עס גייט ארויף אויף א רוחניות'דיגע נגע, ווען א איד זינדיגט ח"ו און פירט זיך נישט ווי עס דארף צו זיין, דאָך אבער וויבאלד די פנימיות פון א איד איז שטענדיג ריין, און אינעווייניג וויל ער זיין גוט, ממילא אפילו ווען עס געפונט זיך אויף איהם א 'נגע' און א פלעק ח"ו, איז דאס נאר א דרויסענדיגע זאך, בְעוֹר בְּשָׂרוֹ, אבער עס איז נישט אין זיין עצם גוף, דאס הייסט אז ס'קריכט נישט אריין אינעווייניג און עס דערגרייכט נישט די נשמה און פנימיות פון א איד.

(ספה"ק ישמח ישראל ו')

### זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע

#### טהרה דורך לערנען תורה

חכמינו ז"ל זאגן אונז (ערכין דף ט"ו.) אז איינער וואס רעדט לשון הרע, האט איהם שוין דוד המלך פארשניטן ח"ו, ווי עס שטייט אין פסוק אין תהלים "יַכְרֵת ה' כָּל שִׂפְתֵי חֲלָקוֹת לָשׁוֹן מְדַבֶּרֶת גְּדֹלוֹת - דער אייבערשטער זאל פארשניידן די אלע וואס רעדן שלעכטס". און די סיבה דערצו איז ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש אז דער וואס רעדט לשון הרע איז א סימן אז ער האט שוין באמת פוגם געווען און געזינדיגט מיט סאך גרעסערע און ערגערע עבירות וואס דאס ברענגט איהם צו רעדן לשון הרע, און ממילא איז ח"ו זייער גרויס און ער ווערט ח"ו פארשניטן אינגאנצן.

זאגט אבער מרן דער **תפארת שמואל זי"ע**: אונזערע הייליגע רבי'ס האבן אונז געלערנט אז מיט די כוח פון תורה און תפלה קען מען אלעס מתקן זיין און פארעכטן, און אפילו אויף גרויסע און הארבע עבירות קען א איד שטענדיג תשובה טוהן און ער האט נאך א תקנה. און אזוי פלעגט **דער אלטער רבי פון ווארקא זי"ע** זאגן "די גרעסטע טהרה איז די גמרא", ווייל די תורה האט א כוח צו רייניגן א אידישע נשמה. און אזוי איז טאקע מרומז אין די אויבנדערמאנטע גמרא אין מסכת ערכין, ווי חז"ל זאגן דארט וואס איז די עצה פאר איינער וואס איז נכשל געווארן אין לשון הרע, "אויב איז ער א תלמיד חכם, זאל ער גיין עוסק זיין אין תורה", זעען מיר פון דעם אז די תורה העלפט שטענדיג און אויף אלעם.

און דאס איז מרומז דא אין פסוק "זאת תהיה תורת המצורע ביום טהרתו" ווי עס שטייט אין **ספרים הק'** אז די תורה הק' ווערט אנגערופן מיט'ן נאמען 'יום', ווייל דורך די תורה דאס וועט זיין די עיקר טהרה פונעם מצורע.

(ספה"ק תפארת שמואל אות ב')

### תּוֹרַת הַמְּצֹרָע... וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן

#### זיך האלטן אז מ'איז נאכנישט בשלימות

לכאורה קען מען מדייק זיין אינעם לשון פון פסוק "זאת תהיה תורת המצורע" מ'האלט שוין דא "ביום טהרתו" ווען דער מצורע האט דאָך שוין געענדיגט מיט זיין טומאה און צרעת, און יעצט גייט ער שוין צום נעקסטן שטאַפל, זיך צו רייניגן און מטהר זיין פון די צרעת, אויב אזוי פארוואס ווערט ער נאך אנגערופן מיט'ן נאמען "המצורע" וואס דאס ווייזט אויף זיין טומאה און זיין פארגאנגנהייט.

**דער לעצטער רבי זי"ע - מרן רבינו יצחק מנחם הי"ד** האט געטייטשט בדרך מוסר, אז א איד דארף וויסן, אפילו ווען ער טוט שוין תשובה און ער איז זוכה זיך צו רייניגן, דאָך דארף ער האבן א צובראכן הארץ, און טראכטן ביי זיך אז ער איז נאכנישט אינגאנצן ריין, און ער איז נאך אלס ח"ו אביסל אין די בחינה פון א 'מצורע' וואס די טומאה איז נישט אינגאנצן אוועקגעגאנגן פון איהם. און איינער וואס האלט זיך קליין און גייט ארום שטענדיג מיט די מחשבות אז ער איז נישט בשלימות און ער איז נאך ח"ו טמא, דאס וועט איהם ברענגן צו שטייגן העכער און העכער אין עבודת השי"ת און קומען נענטער צום אייבישטער. און דאס איז מרומז אינעם המשך הפסוק "והובא אל הכהן", און ווי דער **זוהר הק'** טייטשט איז די ווארט "כהן" מרמז אויף השי"ת, ווייל דורך זיך האלטן ווי א מצורע, וועט מקויים ווערן ביי איהם "והובא אל הכהן" אז ער וועט נענטער ווערן צו השי"ת.

(תפארת רבותינו)



## ענבי הכרם

### געדענק אז אלעס איז לטובה

חז"ל זאגן אין **מדרש** (ויק"ר י"ז א') אויפן פסוק "ונתתי נגע צרעת בבית ארץ אחזתכם וגו' - הדא הוא דכתיב אך טוב לישראל", אז די נגעים וואס השי"ת וועט שיקן אויף א אידישע שטוב דאס איז בלויז לטובה, און פארשטייט זיך אז דאס איז א גרויסע וואונדער, ווייל וועלכע טובה ליגט אין א נגע.

**דער מאדזשיצער רבי בעל דברי ישראל זי"ע**, זאגט א יסוד נפלא וואס ווערט געברענגט אין **ספרים הקדושים**. די גמרא זאגט (ברכות ס:) לעולם יהא אדם רגיל לומר כל דעביד רחמנא לטב עביד, אז א מענטש זאל שטענדיג זיין געוואוינט צו זאגן אז אלעס וואס השי"ת טוט איז לטובה, דער ענין איז, אז מ'דארף עס טאקע זאגן מיט'ן מויל, אפילו ווען ס'גייט נישט גוט ח"ו און ס'זעהט אויס שלעכט, אבער אויב דער איד וועט זיך מחזק זיין מיט אמונה און זאגן און גלייבן אז ס'איז לטובה, דאס אליין איז מסוגל און וועט פועל'ן פאר איהם די ישועה און איבערדרייען דאס שלעכטס אז ס'זאל טאקע נתגלה ווערן פאר זיינע אויגן די באהאלטענע טובה וואס ליגט אונטער די שלעכטס.

אט דער ענין איז געווען ביי נגעי בתים, ווען א איד האט געהאט א נגע אויף זיינע ווענט, האט דאס אויסגעזעהן אויפן ערשטן בליק ווי א געפערליכע צרה ח"ו, עס דאַכט זיך איהם אז עס הערשט אויף איהם די מידת הדין רח"ל און מ'איז ברוגז אויף איהם פון הימל, אלעס ווערט טמא און מ'דארף צוברעכן זיין הויז. אבער ווי **רש"י** ברענגט פון חז"ל, איז באמת געלעגן אונטער דעם א טובה, וויבאלד די כנעניים האבן באהאלטן אוצרות מיט געלט אין די ווענט פון זייערע הייזער, און דערפאר האט דאס דער אייבישטער אויפגעדעקט דורך די נגעים ווען מ'האט געמוזט צוברעכן די ווענט. קומט אויס אז עס איז באמת געווען "אך טוב לישראל" וואס האט זיך גאר באהאלטן אונטערן נגע, מען האט נאר געדארפט זוכה זיין און זיין ראוי עס צו געפונען.

און דעריבער שטייט טאקע אין פסוק (י"ד ל"ה) וּבָא אֲשֶׁר לוֹ הַבַּיִת וְהִגִּיד לַכֹּהֵן... "**כְּנֶגַע**" נִרְאָה לִי בַּבָּיִת, **כְּ**נֶגַע באדייט אז עס דאַכט זיך איהם נאר, ס'זעהט נאר אויס ווי א נגע, אבער ער זאל נישט זאגן מיט א אנטשלאָסנקייט אז ס'איז טאקע א נגע, נאר האָפן און גלייבן צו השי"ת אז עס זעהט בלויז אויס ווי א נגע, אבער באמת אונטער דעם איז גאר פארהאן אן אוצר. און דאן קען מען טאקע זוכה זיין אז פון 'נֶגַע' זאל ווערן איבערגעדרייט צו 'עֹנֶג' אז ס'זאל ברענגן א תענוג און א ברכה פארן מענטש.

מיט דעם טייטשט דער דברי ישראל זי"ע דער פסוק אין תהלים (צ"א י') "לֹא תְאֻנֶּה אֵלֶיךָ רָעָה" באַקלאָג זיך נישט און זאג נישט אז ס'איז שלעכטס ח"ו (תְאֻנֶּה איז א לשון פון 'מתאוננים') און דאן וועסט זוכה זיין אז "וְנֶגַע לֹא יִקְרַב בְּאָהֳלֶךָ" עס וועט נישט זיי קיין נגע, נאר א עֹנֶג.

# פירותיך מתוקים

דברי תורה אויף פרשת השבוע און ענינא דיומא

### אָדָם כִּי יִהְיֶה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ שְׂאֵת אוֹ סַפַּחַת

די סופי תיבות פון די ווערטער יהי'**ה** בעו'**ר** בשר'**ו** שא'**ת** איז די אותיות "תורה", ווייל חז"ל זאגן (סוטה דף ה.) אז די נגעים קומען אויף א מענטש צוליב גאוה און זיך האלטן גרויס, ווי עס איז מרומז דער ענין אינעם ווארט "שאת" וואס איז טייטש דערהויבן - א לשון פון הִתְנַשְׂאוּת. און דאס וויל די תורה הק' אונז לערנען דא, אז אפילו איינער וואס לערנט תורה, אבער ער האלט זיך גרויס מיט זיין תורה און ער קומט צו צו גאוה ח"ו, אויף אזא איינער וועלן אויך קומען די נגעים חלילה.

(חסד לאברהם)

### אָדָם כִּי יִהְיֶה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ

די תורה הק' זאגט אָדָם כִּי יִהְיֶה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ שְׂאֵת אוֹ סַפַּחַת וגו' לְנֶגַע צָרָעַת, מען קען ערקלערן דער ענין פארוואס ווערט דער מענטש אנגערופן דא דווקא מיט'ן נאמען "אדם" און נישט 'אִישׁ' וכדומה.

נאר מיר ווייסן דעם כלל וואס חכמינו ז"ל זאגן (יבמות ס"א.) "אתם קרויין אדם ואין העובדי כוכבים קרויין אדם" אז נאר די אידן ווערן אנגערופן 'אדם' און נישט די גויים. און מ'זאגט נאך פון צדיקים א ביאור, וויבאלד די אנדערע ווערטער מיט וואס מ'רופט אָן א מענטש, צום ביישפיל 'אִישׁ' קען מען אויך זאגן בלשון רבים - 'אישים', אדער 'אֱנוֹשׁ' קען געזאגט ווערן בלשון רבים - 'אנשים', דאגעגן די ווארט 'אדם' האט נישט קיין לשון רבים, און דאס וויזט אויף די מעלה און איינציגקייט פון כלל ישראל אז זיי זענען באחדות אזויווי איין מענטש און ס'איז נישט דא ביי זיי קיין פֵּירוּד און א רבים.

און דערפאר איז די תורה הק' דא מרמז די חסרון פונעם מצורע וועלכער האט גערעדט לשון הרע, און האט יא אריינגעברענגט א פֵּירוּד לְבָבוֹת צווישן אידן, און האט נישט געדענקט דעם כלל פון אתם קרויין אדם, אז מיר אידן דארפן זיין באחדות.

(אך פרי תבואה)

### אֶל כְּלִי חֶרֶשׂ עַל מַיִם חַיִּים

מ'קען טייטשן בדרך רמז: מַיִם חַיִּים איז מרמז אויף תורה ווי חז"ל זאגן אֵין מים אלא תורה, אבער די תנאי דערצו דארף זיין "אֶל כְּלִי חֶרֶשׂ" דער מענטש דארף זיך האלטן בשפלות און בענוה ווי א צובראכענע שאַרבּ.

(משמרת איתמר)

## אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ וְיָלְדָה זָכָר

עס האט דערציילט **הרה"צ רבי יעקב בונם דאנציגער זצללה"ה**, אז אין די תקופה פונעם ערשטן וועלט מלחמה, ווען זיין טאטע מרן **דער תפארת שמואל זי"ע** מיט די גאנצע משפחה האבן געמוזט ארויסוואַנדערן פון אלכסנדר, און זיך אויפהאלטן פאר א לענגערע צייט אין דעם דערנעבנדיגן שטאט לאדזש, איז זייער מצב געווען גאר שווער און ביטער. אלע וועגן זענען געווען כמעט ווי פארשלאסן, דאס פאָרן פון איין ארט צום צווייטן איז געווען אוממעגליך צוליב די שווערע מלחמה אומשטענדן וואס האט געהערשט איבעראל. און ביים תפארת שמואל אין שטוב האט געהערשט הונגער און נויט, נישט האבענדיג מיט וואס צו שפייזן די פילע בני בית.

איין טאג האט רבי יעקב בונם געזען זיין פאטער דער תפארת שמואל זי"ע ווי ער געפונט זיך אין א דערהויבענע שטימונג, און א געוואלדיגע שמחה האט איהם באהערשט. זיין וואונדער "לשמחה מה זו עושה" האט נישט לאנג געדויערט, ווען ער האט געהערט ווי דער תפארת שמואל זאגט אליין "עס איז מיר א וואונדער אז איך שפיר אזא גרויסע שמחה אויך אין די יעצטיגע שווערע צייטן, נאר ס'מוז זיין אז איך פריי זיך צוליב דעם וואס יענער חסיד איז ב"ה געהאלפן געווארן מיט קינדער נאך לאנגע יארן ווארטן און בעטן צו געהאלפן ווערן".

שפעטער ווען רבי יעקב בונם האט באגעגנט דער אויבנדערמאנטער חסיד וואס איז דעמאלטס אויפגעראכטן געווארן מיט זרע של קיימא, און ער האט געכאפט א שמועס מיט איהם, האט דער חסיד איהם דערציילט דער וואונדערליכער אופן וויאזוי ער האט זוכה געווען צו א ישועה דורך די ברכה פונעם תפארת שמואל זי"ע. "כסדר ווען איך בין געקומען צו פאָרן צום רבי'ן" האט דער חסיד דערציילט "האב איך אויסגעגאסן מיין הארץ און געבעטן וואס וועט דא זיין, איך האב נישט קיין מנוחה אינדערהיים, און מיין ווייב מוטשעט מיך כסדר אויף דעם וואס מיר האבן ליידער נישט קיין קינדער, און וואס וועט זיין דער סוף?. אבער אויסער א ברכה האב איך מער נישט דערוישט פונעם רבי'ן. ביז איינמאל האב איך גאר שטארק איינגעריסן און זיך געבעטן מיט תחנונים אויף מיין שווערע מצב, זאגט מיר דער תפארת שמואל, גיי אהיים און גיב איבער פאר דיין ווייב אין מיין נאמען אז זי זאל טראכטן ביי זיך אין דמיון און ס'זאל זיך איר דאַכטן ווי די קינדער דרייען זיך שוין ארום ביי ענק אין שטוב"...

דער חסיד האט צוגעגעבן אז ווען איך בין אהיימגעקומען און איבערגעגעבן אין שטוב די אפענע ווערטער וואס דער רבי האט מיר געהייסן זאגן, האבן מיר ביידע געוואוסט אז די ישועה איז גאר נאנט, און כך הוה, איך בין קורצליך דערנאך געהאלפן געווארן מיט קינדער.

(תפארת רבותינו)

### א נקודה...

**הרה"ק דער דגל מחנה אפרים זי"ע טייטשט:**

**"זֹאת הַתּוֹרָה לְכָל נֶגַע הַצָּרַעַת" די תורה הק' איז בכוח אויסצוהיילן יעדע סארט נגע און קרענק, וויבאלד די תורה לייטערט אויס און איז מכפר אויף די עבירות און ברענגט א רפואה.**



# אוצר הכרם

## אן אוצר פון ידיעות וענינים, בענינא דיומא ובפרשת השבוע

### נגעים אויף די הייזער

אין פרשת מצורע געפונען מיר "וְנָתַתִּי נֶגַע צָרַעַת בְּבֵית אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם" אז עס איז אויך פארהאן נגעים וואס קענען קומען אויפן הויז פון א איד ח"ו. חז"ל זאגן אין **מדרש** עטליכע טעמים פארוואס דער אייבישטער טוט שיקן א נגע אויף א הויז:

עס איז געווען א גוטע בשורה פאר כלל ישראל, וויבאלד די כנעניים האבן באהאלטן אוצרות מיט געלט אין די ווענט פון זייערע הייזער, און דערפאר האט דאס השי"ת אויפגעדעקט דורך די נגעים ווען מ'האט געמוזט צוברעכן די ווענט. (זעה רש"י י"ד ל"ד)

נאך שטייט אין **מדרש**, אז אויב א איד האט געזינדיגט ח"ו, איז דער אייבישטער מיט זיין גרויס רחמנות שיקט קודם א וואָרענונג פארן מענטש אויף די ווענט פון זיין הויז. אויב ער טוט תשובה, דארף מען בלויז צוברעכן דעם פלאץ פונעם נגע און נישט מער, אויב נישט דארף מען ח"ו צעווארפן די גאנצע הויז. אויב ער טוט נאך אלס נישט קיין תשובה, קומען די נגעים אויף זיינע קליידער, און דערנאך אויפן מענטש אליין ח"ו א.א.וו.

### א עונש אויף צרות עין

נאך א טעם געפונען מיר אין חז"ל אז דער ענין פון נגעי בתים איז געווען א עונש אויף די מידה פון 'צרות עין' און קאַרגשאַפט, ווען א מענטש האט נישט געוואלט פארבארגן זיינע כלים און זאכן פאר זיינע שכנים, און ער האט זיך שטענדיג ארויסגעדרייט דורך זאגן אז ער האט נישט אזא כלי אין שטוב, האט דער אייבישטער אויפגעדעקט זיין שאנד, ווען מ'האט געמוזט אויסליידיגן די גאנצע הויז מיט אלע כלים, און יעדער האט געזען וואס ער פארמאגט אלס.

עס איז אינטערסאנט צו באמערקן, אז די גמרא אין **מסכת יומא** (י"א:) זאגט, יכול יהיו בתי כנסיות ובתי מדרשות מטמאין בנגעים תלמוד לומר ובא אשר לו הבית מי שמיוחד לו יצאו אלו שאין מיוחדין לו. [פשוט פשט מיינט דאס אז די נגעים קומען נאר אויף א הויז וואס איז 'מיוחד לו' עס איז געאייגנט פאר א פריוואטע מענטש און נישט פארן ציבור, און דעריבער אויב עס קומט א נגע אויף א בית הכנסת אדער בית המדרש וועט עס נישט זיין טמא]. זאגט אבער דער **רבינו חננאל** דארט א חידוש נפלא, אז די גמרא מיינט מרמז צו זיין אויף איינער וואס לאזט נישט אריין קיין געסט ביי זיך אין שטוב, ער האלט זיין הויז פארמאכט, און עס איז שטענדיג בלויז 'מיוחד לו' געאייגנט נאר פאר איהם און נישט פאר אנדערע, דעמאלטס איז דא די פרשה פון נגעים.

אין **תרגום יונתן** שטייט אז אויב א איד האט געבויעט זיין הויז פון גזל ח"ו, איז געקומען א נגע אז מ'זאל עס מוזן חרוב מאכן.

### אויסריינינגן טומאה און ע"ז

אין **זוהר הק'** שטייט אז וויבאלד עס האט געהערשט א טומאה אויף די הייזער פון די גויים, האט דער אייבישטער געמאכט אז מ'זאל דאס מוזן איינווארפן. ענדליך צו דעם זאגט דער **חזקוני**, אז וויבאלד השי"ת האט באפוילן פאר די אידן אויסצורייסן אלע ערטער פון עבודה זרה וואס די כנעניים האבן געדינט, ווי די תורה זאגט אין פרשת ראה אַבֵּד תְּאַבְּדוּן אֶת כָּל הַמְּקֹמוֹת אֲשֶׁר עָבְדוּ שָׁם הַגּוֹיִם, און די אידן האבן דאָך אבער נישט געקענט וויסן געווי אלע ערטער ווי די גויים האבן געהאט געדינט עבודה זרה, דערפאר האט דער אייבישטער געשיקט נגעים אויף די הייזער אז מ'זאל זיי צוברעכן.

# הילולא דצדיקיא

## הרה"ק
## דער רבי רבי שמעלקא
## פון ניקלשבורג זי"ע

יארצייט:
## א' אייר תקל"ח

מאמר א'

דער גאון און צדיק **הרה"ק דער רבי רבי שמואל שמעלקא פון ניקלשבורג זי"ע** איז געבוירן געווארן אינעם יאר תפ"ו צו זיין פאטער **הגאון רבי צבי הירש הלוי זי"ע** דער רב פון **טשארטקוב** וועלכער איז געווען פון די גדולי הדור אין זיין תקופה.

[בנוגע זיין פאטער רבי צבי הירש, איז כדאי צו באמערקן אז **הגאון בעל נודע ביהודה זי"ע** אין א תשובה (מהדורא קמא אבן העזר סימן כ"ט) וואו ער וויל מתיר זיין א עגונה אז זי זאל מעגן חתונה האבן, און ער שרייבט אבער אז מ'זאל זיך נישט פארלאזן אויף זיינע רייד למעשה, נאר אויב ס'וועלן מסכים זיין צוזאמען מיט איהם "שלשה עמודי עולם" - דריי גדולי הדור וואס ווערן פאררעכנט זוילן פון די וועלט, און צווישן די דריי רבנים ווענען ער הייסט פרעגן איז רבי צבי הירש פון טשארטקוב.

ווי אויך איז באקאנט די מעשה אז די גרויסע עשירות פון די בארימטע 'ראטשילד' משפחה איז געקומען דורך א ברכה וואס רבי צבי הירש האט אנגעוואונטשן פאר ר' מאיר אנשיל ראטשילד וואס האט איהם באדינט, און בטעות האט ער איהם חושד געווען אז ער האט גע'גנב'עט געלט ביי איהם אינדערהיים, והדברים ידועים].

---

דער **רבי רבי שמעלקא** האט אין זיינע יונגע יארן געלערנט תורה ביי זיין טאטע רבי צבי הירש, וועלכער האט געגרידנעט א בית המדרש וואס איז געווען א שטארקע מקום תורה אינעם שטאט טשארטקוב. שוין פון קינדווייז אָן איז ער ארויסגעשטאנען מיט זיין געוואלדיגע התמדה אין תורה און מיט זיין אויסערגעווענליכע קדושה און צדקות, טאג און נאכט האט ער עוסק געווען אין עבודת השי"ת מיט גרויס חשק און פלייסיגקייט, און ער האט אוועקגעווארפן און פאר'מיאוס'ט אלע תענוגי עולם הזה.

צופיל פרטים איבער זיין יוגנט זענען נישט באקאנט. לויט טייל גירסאות האט דער ר"ר שמעלקא אין זיין יוגנט געלערנט תורה ביים **ווילנער גאון זי"ע** (אבער זעה אין קונטרס תולדות שמואל פרק ב' ווי דער מחבר צייכנט אָן אז דער ווילנער גאון איז געווען בלויז זעקס יאר עלטער פונעם ר"ר שמעלקא און זיין נאמען איז נאך דאן נישט געווען באקאנט). און לויט אנדערע גירסאות האט דער ר"ר שמעלקא געלערנט ביים גאון און צדיק **רבי אביש'ל פראנקפורטער זי"ע** דער מחבר פונעם ספר ברכת אברהם.

שפעטער האט דער ר"ר שמעלקא אויך געלערנט בחברותא פאר א שטיק צייט אינאיינעם מיט זיין ברודער **רבי פנחס - דער בעל פנים יפות** און **חידושי הפלאה**. ווי דער הפלאה זעלבסט איז מֵעִיד און ער באשרייבט די גאלדענע תקופה אין די הקדמה פונעם קונטרס שבת אחים (וואס איז געדרוקט אינעם סוף פון ספר הפלאה אויף מסכת כתובות) ווי שטארק ער איז געווען אנגעקניפט און צוגעבינדן צו זיין ברודער דער ר"ר שמעלקא מיט א געוואלדיגע ליבשאפט ווי אהבת דוד ויהונתן, און צוזאמען האבן זיי געלערנט ביגיעה די סדר הש"ס מיט די פוסקים.

ווי עס ווערט דערציילט האבן די צוויי הייליגע ברידער אמאל עוסק געווען זייער א לאנגע צייט אין א סוגיא, און פון גרויס מידעקייט נאכן נישט שלאפן אזוי לאנג, האט רבי פנחס - דער הפלאה גענומען א קישן און געלייגט אונטער זיין קאפ, און איז תיכף איינגעשלאפן. האט איהם דער ר"ר שמעלקא מוסר געזאגט, **"מילא דאס איינשלאפן פון מידעקייט, אבער אויב אז דו האסט נאך געהאט כוח צו גיין נעמען א קישן, וואלט מען דאָך נאך געקענט לערנען אין די צייט"...**

---

זייענדיג א יונגערמאן פון בלויז עטליכע און צוואנציג יאר, איז דער **ר"ר שמעלקא** אויפגענומען געווארן אלס רב אינעם שטאט **ריטשוואל** אין פוילן, צו ערזעצן דער ארט פון **רבי אביש'ל פראנקפורטער** וואס האט פאַרלאָזט זיין דארטיגע רבנות (צוליב א געפעכט מיט'ן פריץ) און רבי אביש האט פאָרגעשלאגן פאר זיין קהלה אז רבי שמעלקא וועט זיין א חשוב'ער און פאסיגער רב פאר זיי.

דארט אין ריטשוואל האט דער ר"ר שמעלקא געגרינדעט א ישיבה וואו ער האט מרביץ תורה געווען, און ס'זענען געקומען צו פאָרן אהין חשוב'ע תלמידים מופלגים פון אלע זייטן. אין ספר **אהל יצחק** ווערט געברענגט אז כדי צו זיין א תלמיד אין די ישיבה האט מען געדארפט קענען לערנען אכצן שעה ברציפות אָן קיין הפסק, אנדערש האט מען נישט געהאט קיין מקום אין די הייליגע מקום תורה.

צווישן די תלמידים פון יענע תקופה וואס האבן געלערנט תורה ביים ר"ר שמעלקא און זענען געווען פון זיינע הייליגע תלמידים, זענען געווען **דער קאזניצער מגיד זי"ע** און **דער בארדיטשובער רב זי"ע** וואס האבן געלערנט אין די ישיבה אין ריטשוואל און געטרינקן מיט דארשט די תורה פון זייער רבי'ן דער ר"ר שמעלקא זי"ע.

בערך צען יאר האט דער ר"ר שמעלקא געדינט אלס רב אין ריטשוואל, און דערנאך איז ער אריבערגעגאנגען קיין **שינאווע**, וואו ער האט ווייטער ממשיך געווען מיט'ן פירן זיין ישיבה, און עס אפילו פארברייטערט מיט מער תלמידים און לומדים. צווישן די תלמידים אין שינאווע איז אויך געווען **הרה"ק רבי יעקב יצחק - דער רבי פון לובלין זי"ע**, וואס האט זוכה געווען צו גרויס התקרבות ביים ר"ר שמעלקא. אין ספר **אוהל אלימלך** ווערט געברענגט אז דער חוזה האט עדות געזאגט אז ווען ער האט געלערנט ביים ר"ר שמעלקא שולחן ערוך אורח חיים, האט ער מרגיש געווען א ריח גן עדן, אבער דער ר"ר שמעלקא האט דאס געפרואווט צו באהאלטן דורך דעם וואס ס'איז געלעגן אויפן טיש פארשידענע בשמים, כדי מ'זאל מיינען אז די גוטע גערוך קומט פון די בשמים.

---

דער **ר"ר שמעלקא** מיט זיין ברודער **דער הפלאה** זענען נתקרב געווארן צום דרך החסידות, און זיי זענען עטליכע מאל געפארן צום **רבי רבי בער - דער מעזריטשער מגיד זי"ע**. דאס אז די צוויי ברידער -וועלכע זענען שוין דאן געווען מפורסם פאר גרויסע לומדים און תלמידי חכמים- האבן זיך באהאפטן צום מגיד, האט געווירקט אויף אסאך גדולי הדור אין יענע תקופה נאכצולאזן פון זייער קעגנערשאפט צו חסידות, זעענדיג אז אויך די צוויי גרויסע לייבן זענען נמשך געווארן צו דעם דרך און זענען זיך מבטל צום גרויסער מגיד און צו זיינע הייליגע תלמידים זי"ע.

דער ר"ר שמעלקא איז געווען דער ערשטער וואס האט פארשפרייט דער דרך החסידות אין פוילן, און דורך איהם זענען אסאך צדיקים נתקרב געווארן צום מעזריטשער מגיד און צו חסידות, צווישן זיי זיינע תלמידים **דער קאזניצער מגיד, דער בארדיטשובער רב, רבי משה לייב סאסובער, דער חוזה פון לובלין, דער ר"ר מענדל'ע רימאנובער**, זכותם יגן עלינו. וואס די אלע האבן שפעטער אליין ממשיך געווען און באלאכטן ווייטער די וועגן פון חסידות פאר זייערע תלמידים און נאכפאלגער.

---

עס איז באקאנט וואס **הרה"ק דער רבי פון לובלין זי"ע** האט נאכגעזאגט וואס ער האט מקבל געווען פונעם **ר"ר שמעלקא זי"ע** אויף די הנהגה פון חסידים אז זיי זענען שטענדיג בשמחה, טראצדעם ווס ס'שטייט אין שולחן ערוך (או"ח סי' א' ס"ג) "ראוי לכל ירא שמים שיהא מיצר ודואג על חורבן בית המקדש" אז א ירא שמים דארף קלאָגן און זיך זארגן אויפן חורבן בית המקדש. נאר דער ענין איז ווי חז"ל זאָגן אז א חכם איז פרייליך אינדרויסן אויפן פנים, און זיין טרויער באהאלט ער אינעווייניג אין הארץ, און דער ר"ר שמעלקא האט דאס ערקלערט מיט א משל צו א גרויסער קעניג וואס איז געפאנגן געווארן און פאַרוואָרפן געווארן ווייט אוועק פון זיין קעניגרייך, און אזוי ארומוואַנדערנדיג אין גלות, האט דער קעניג זיך אפגעשטעלט ביי איינער פון זיינע גוטע פריינט און אריין צו איהם אין שטוב נעכטיגן. פארשטייט זיך אז ווען דער חבר האט געזען די שווערע אומשטענדן אין וועלכע דער קעניג געפונט זיך יעצט, האט ער זייער געוויינט און געקלאָגט אויפן מצב פון זיין גוטער פריינט דער קעניג, אבער פון די אנדערע זייט האט זיין הארץ געקוועלט מיט פרייד, א קלייניגקייט?, דער קעניג איז יעצט זיין גאסט און געפונט זיך גאר ביי איהם אינדערהיים".

מיט דער משל האט דער ר"ר שמעלקא זי"ע געזאגט, אז כאטש מ'דארף טרויערן און וויינען אויפן בית המקדש, דארף מען זיך אבער פרייען אז דער אייבישטער געפונט זיך מיט אונז דא אין גלות, און ווי ס'שטייט (איכה ב') קוּמִי רֹנִּי בַלַּיְלָה וגו' שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ נֹכַח פְּנֵי ה', אז ווען מ'קלאָגט אויפן חורבן געפונט מען זיך "נֹכַח פְּנֵי ה'" ממש אנטקעגן דעם אייבישטער'ס פנים כביכול, און דאס איז פאר אונז א געוואלדיגע שמחה.

---

עס ווערט דערציילט אז מ'האט אמאל געפרעגט דעם **ר"ר שמעלקא** נאכדעם וואס ער איז צוריקגעקומען פון מעזריטש, וואס איז איהם דארט נתחדש געווארן, נאכדעם וואס ער האט שוין סייווי עוסק געווען אין חסידות און פרישות נאך איידער ער איז נתקרב געווארן צום מגיד. האט דער ר"ר שמעלקא געענטפערט "ביז יעצט האבן איך געפאסט תעניתים אויסצוארבעטן מיין גוף אז ס'זאל קענען פארנעמען די נשמה אין זיך, יעצט איז פארקערט, איך דארף נסים אז די נשמה זאל קענען סובל זיין מיין גוף".

# תולדותיהם של צדיקים

דאס לעבן און שאפן פון

## רבותינו הקדושים פון פרשיסחא און ווארקא

זכותם יגן עלינו

מאמר ס'

פרק י'

## וזרח השמש

### דער רבי רבי אברהם משה זי"ע

נאך די הסתלקות פונעם **רבי רבי בונם זי"ע** האבן א גרויסע טייל פון די חסידים, אין שפיץ פונעם **אלטער רבי פון ווארקא זי"ע** און **הגה"ק רבי שרגא פייבל פון גריצא זי"ע**, ממשיך געווען זיך מסתופף זיין בצל קדשו פון זייער רבי'נס זוהן - **הרה"ק דער רבי רבי אברהם משה'לע פון פרשיסחא זי"ע.**

אבער איידער מיר קומען אָן צו די קאפיטלען פון זיין הכתרה און הנהגה אלס רבי פאר די חסידים, איז כדאי צו כאפן א קורצע בליק אין די תולדות און אין פארשידענע איינצלהייטן איבער אט דעם וואונדערליכן צדיק וואס האט באלאכטן די וועלט פאר א קורצע תקופה איידער ער איז פריצייטיג נסתלק געווארן לחיי העולם הבא.

דער צדיק **הרה"ק רבי אברהם משה'לע זי"ע** איז געבוירן געווארן אין יאר תק"ס צו זיין פאטער דער רבי רבי בונם זי"ע. רבי אברהם משה איז געווען א בן יחיד (אויסער איהם האט דער ר"ר בונם בלויז געהאט טעכטער) מיט וועמען דער ר"ר בונם האט זיך גאר שטארק געגרויסט און איהם ליב געהאט אהבת נפש, און ווי באקאנט האט זיך דער ר"ר בונם אויסגעדרוקט אויף איהם ווען ער איז געבוירן געווארן "אז זיין נשמה האט ער ארויס גע'גַנב'עט פון אונטערן כסא הכבוד".

### לבי ובשרי ירננו לקל חי

שוין פון קינדווייז אָן האט זיך דערקענט אויף איהם זיין גרויס קדושה און צדקות, און ספעציעל האט אין זיין נשמה געפלאַמט א געוואלדיגע דביקות צום אייבישטער, א פייער וואס ער האט נישט געקענט אפשטילן. ער פלעגט כסדר פארשווינדן ווערן פאר לאנגע שעות, און ער פלעגט זיך צוריקקערן אהיים מיט געשוואלענע אויגן פון גרויס געוויין, ווען מ'האט איהם געפרעגט ווי ער איז געווען, האט ער נישט געוואלט דערציילן זיין געהיימניס ווי אהין ער גייט. ענדליך, נאכדעם וואס מ'האט איהם נאכגעקוקט א שטיק צייט, האט מען געזען אז דאס קינד גייט אריין אינעם נאנטן וואלד 'שְׁיטקעס' וואס געפונט זיך אינדרויסן פון פרשיסחא, און דארט גיסט ער אויס זיין הארץ צום אייבישטער מיט גרויס השתפכות הנפש, זאגנדיג קאפיטלעך תהלים מיט א העכערע עבודה פיל מיט דביקות און בכיות.

### דער יוד הקדוש קומט פון אויבן

ווען **רבי אברהם משה'לע** איז געקומען אין די יארן, האט דער **יוד הקדוש פון פרשיסחא זי"ע** (דער רבי פון זיין פאטער דער רבי רבי בונם זי"ע) אויסגעוועלט אין איהם אלס א חתן פאר זיין אייניקל די רעביצין ברײנדל ע"ה וואס איז געווען א יתומה, און זי איז אויפגעוואקסן ביי איר זיידן דער יוד הקדוש זי"ע ווי א אייגן קינד.

דער יוד הקדוש זעלבסט האט אנגעטראגן דעם שידוך פאר זיין תלמיד דער **ר"ר בונם**, אז ער וויל נעמען זיין זוהן רבי אברהם משה -וואס איז דעמאלטס געווען א בר מצוה בחור- פאר א חתן, און דער ר"ר בונם האט תיכף מסכים געווען צום שידוך. למעשה האט דער יוד הקדוש נישט דערלעבט די חתונה, נאר ער איז נסתלק געווארן צווישן דער שידוך און די חתונה.

די רעביצין ברײנדל ע"ה האט שפעטער דערציילט אז ווען עס איז געקומען די צייט ארויסצוגיין צו די חופה, האט דער עולם לאנג געווארט אויפן מחותן דער ר"ר בונם וואס איז געווען פארשפארט אין זיין צימער און איז נישט ארויסגעקומען צו גיין צום חופה. ביז ענדליך האט מען געהערט ווי דער ר"ר בונם רופט אויס אין זיין צימער "שלום עליכם יוד הקדוש, מזל טוב", און נאר נאכדעם איז ער ארויסגעקומען און אונטערגעפירט זיין זוהן אונטער די חופה.

### די שכינה הק' וועט זיך דא געפונען

**רבי אברהם משה** האט אנגעהאלטן ווייטער מיט זיין הייליגע עבודה, און ער פלעגט שטענדיג ארויסגיין פאר לאנגע שעות אין וואלד אריין זאגן תהלים מיט גרויס דביקות, ביז ער איז ממש קראנק געווארן פון זיין גרויסע עבודה ביים תהלים זאגן.

חסידים האבן געוואוסט צו דערציילן אז צוליב די גרויס קאכעניש און דביקות וואס ברענט אין איהם צום אייבישטער, איז זיין גוף שטענדיג געווען הייס, און אפילו אין די גרעסטע פרעסטן אין די קאלטע ווינטער טעג פלעגט ער גיין אנגעטוהן בלויז מיט א דינע חאלעטל געמאכט פון זיידן, ווייל מער פון דעם האט זיין גוף נישט געקענט סובל זיין. ווי אויך ווען ער האט געדאווענט אדער געזאגט תהלים פלעגט ער אזוי פלאקערן פון היץ, אז מ'האט געדארפט ברענגט שטיקער אייז און ארויפלייגן אויף זיין קאפ אפצושטעלן זיין היץ.

צדיקים האבן עדות געזאגט אויף רבי אברהם משה גאר גרויסע זאכן, און צווישן זיי אויך **הרה"ק דער רבי פון לובלין זי"ע** וואס איז מיט יארן פריער אמאָל פארבייגעפארן דעם וואלד שיטקעס דארט ווי רבי אברהם משה פלעגט זיך מתבודד זיין און זאגן תהלים און ער האט זיך אויסגעדריקט **"עס וועט קומען א צייט וואס די גאנצע תורה סיי די נגלה און סיי די נסתר מיט די שכינה הקדושה, אלס וועט זיך געפונען דא"**, און די צדיקי הדור האבן געזאגט אז די כוונה איז געווען אויף רבי אברהם משה זי"ע וואס פלעגט דינען דעם אייבישטער אין דעם וואלד.

### נאר דורך א מתנת חינם

**דער רבי זכרונו לברכה מרן רבינו יחיאל מנחם זי"ע** האט דערציילט, ווי באקאנט האט דער **רבי רבי בונם זי"ע** זיך משדך געווען מיט זיין תלמיד **הגה"ק רבי שרגא פייביל פון גריצא זי"ע**, און גענומען פאר אן איידים דער זוהן פון רבי פייביל - **הרה"ק רבי לוי יצחק דאנציגער זצללה"ה.** יענעם שבת קודש ווען עס איז פארגעקומען די שמחת החתונה, האט דער רבי רבי בונם זיך אנגערופן "ווער וועט זינגען כל מקדש?", און עס איז דעמאלטס אריינגעקומען זיין זוהן רבי אברהם משה, האט דער ר"ר בונם געזאגט "רבי אברהם משה'לע וועט זינגען", און ער האט איהם מכבד געווען מיט'ן זינגען כל מקדש. רבי אברהם משה האט אנגעפאנגן צו זינגען כל מקדש מיט גרויס דביקות, ביז ער איז אנגעקומען צו די ווערטער "כדבר המלך ודתו" און דארט האט ער זיך אפגעשטעלט ווייל ער האט שוין נישט געקענט ווייטער ממשיך זיין פון גרויס דביקות.

ביי יענעם געלעגנהייט האט דער רבי רבי בונם זי"ע מֵעִיד געווען און געזאגט "א פאַרוואָר וואס כ'האב זוכה געווען צו אזא זוהן נאר דורך א מתנת חינם" (א פאַרוואָר - עס איז אמת).

### די חברותא מיט'ן טאטן

ווען דער **רבי רבי בונם פון פרשיסחא זי"ע** איז נסתלק געווארן, איז **רבי אברהם משה'לע** געווען א יונגערמאן פון וויניגער ווי דרייסיג יאר אלט.

ווען **דער אלטער רבי פון ווארקא הרה"ק רבי יצחק זי"ע** איז געקומען מנחם אבל זיין רבי אברהם משה, האט זיך רבי אברהם משה אפגערעדט מיט צער אז עס פעלט איהם אויס די שיעורים וואס ער פלעגט לערנען מיט זיין טאטע. האט איהם דער ווארקער רבי "וואס איז אייך א חילוק, בחייו האט ער געלערנט מיטך אייך מיט'ן קאַפטן, און יעצט וועט ער קומען לערנען מיט איין אנעם קאַפטן"... מיינענדיג מרמז צו זיין אז אויף די וועלט האט ער געלערנט אויך מיט זיין גוף (וואס ווערט אנגערופן אין ספרים א 'מלבוש' צו די נשמה) אבער ער וועט ווייטער קומען און לערנען מיט זיין נשמה אליין.